**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/24/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט אומזיסטע פישכאפן וויקענד פון יוני 25-26 אין ניו יארק סטעיט

***פאמיליעס און פריינט ווערן דערמוטיגט זיך צו פארוויילן מיט די לוסטיגקייט פון פישכאפן***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז אומזיסטע פישכאפן וויקענד אין ניו יארק סטעיט אום יוני 25 און 26. דער פראגראם צייכנט אפ צוויי פון די סטעיט'ס אומזיסטע פישכאפן טעג וועלכע ווערן אנגעבאטן יעדעס יאר צו העכערן פישכאפן אנטיילנעמונג און באוואוסטזיניגקייט איבער די אויסגעצייכנטע פישכאפן געלעגנהייטן אין ניו יארק און אריינצוברענגען נייע פישכאפער צו דעם פישכאפעריי ספארט.

״אומזיסטע פישכאפן טעג געבן אן דערהייטערנדע שאנס פאר אלע ניו יארקער, פון ברוקלין ביז באפעלאו, צו אויספרובירן פישכאפן צום ערשטן מאל און מוטיגט ערפארענע פישכאפער זיך אפצורוימען זייערע פישכאפן שטענגלען און זיך ארויסלאזן אינדרויסן,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״פישכאפן געלעגנהייטן לענגאויס ניו יארק סטעיט זענען פון די בעסטע וואס איז פאראן, און איך מוטיג ניו יארקער זיך ארויסצולאזן אויף די וואסערן דעם וויקענד מיט פריינט און פאמיליע אויף צו געניסן פון איינע פון אונזער סטעיט'ס בארימטע פישכאפעריי דעסטינאציעס.״

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמיסיאנער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״אזוי ווי דער סקול יאר קומט צו אן ענדע און עס קומט אפיר דער זומער, קען די צייט פון דעם אומזיסטן פישכאפן וויקענד נישט זיין קיין בעסערע. צי איר זענט פאראינטערעסירט אין זיך אומצוקערן צו דעם ספארט אדער ברענגען פריינט און פאמיליע פאר פישכאפן צום ערשטן מאל, זענען ניו יארק'ס אומזיסטע פישכאפן טעג גאר א גוטע געלעגנהייט זיך ארויסלאזן מיט פישכאפן געצייג.״

פאר אנהייב-פישכאפער, גיבט דער [׳איי פיש ניו יארק׳ אנהייבער'ס וועגווייזער צו פרישוואסער פישכאפן](#) אינפארמאציע אויף די עיקרים פון פישכאפן, אריינגערעכנט וויאזוי אנצוגרייטן א פישכאפן דרענגל, אידענטיפיצירן דאס וואס מען כאפט, און אויך צו פארשטיין פישכאפן רעגולאציעס. א געשמאקע, אינטעראקטיווע ווערסיע פון דעם וועגווייזער וואס באשטייט פון א סעריע קורצע ווידעאוס קענען געפונען ווערן אויף [DEC's יו-טוב טשענעל](#). DEC'ס [פלעצער פאר פישכאפן](#) וועבזייטלעך זענען א פארלעסליכער קוואל פון אינפארמאציע פאר די וועלכע זענען גרייט צו פלאנירן זייער נעקסטן פישכאפן טריפ.

פארבליבענע אומזיסטע פישכאפן טאג אין 2022 רעכענען אריין נאציאנאלע געיעג און פישכאפן טאג (סעפטעמבער 24) און וועטעראן'ס דעי (נאוועמבער 11). דורכאויס די באשטימטע אומזיסטע ׳פישכאפן טעג׳, זענען ניו יארקער איינוואוינער און באזוכער ערלויבט צו כאפן פיש אומזיסט אן א פישכאפן לייסענס. אנטיילנעמער אין די אומזיסטע ׳פישכאפן טעג׳ ווערן דערמאנט אז טראץ וואס דער פאדערונג פאר פישכאפן לייסענס ווערט אפגעשאפן דורכאויס די אומזיסטע פישכאפן טעג, זענען אבער דאך אלע אנדערע פישכאפן רעגולאציעס אין קראפט. פאר מער אינפארמאציע איבער פישכאפן רעגולאציעס, גייט צו [https://www.dec.ny.gov/outdoor/7917.html](https://www.dec.ny.gov/outdoor/7917.html).

DEC טוט אויך אנבאטן אומזיסטע פישכאפן קליניקס לענגאויס דעם יאר. אין צוגאב צו לוסטיג פארברענגען מיט פישכאפעריי, קענען אנטיילנעמער זיך אויך לערנען איבער פיש אידענטיפיקאציע, פישכאפן געצייג און מיטלען, פישעריי פארוואלטונג, פישכאפן זיטן, ים עקאלאגיע, און נאך. דורכאויס די קליניקס זענען נישט פארלאנגט קיין שום פרישוואסער פישכאפן לייסענס אדער זיך איינשרייבן אין די פארוויילונגס וואסער פישכאפן רשימה, אבער אלע אנדערע סטעיט פישכאפן רעגולאציעס בלייבן אין קראפט. פאר א ליסטע פון פישכאפן קליניקס, גייט צו: https://www.dec.ny.gov/outdoor/27123.html

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418